STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06233

BAYM BREYTEN VEG

B. J. Bialostotzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. ביאלאסטאצקי

בײם ברײטען װעג

פערלאג אונזער זשורנאל. נױ־יארק 1920

בוך־רעכט געהערט — ב. י. ביאַלאָסטאָצקין.

הויפט פאַרקויף:
פועלי־ציון, פארלאג, 153 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק.

אינהאלט:

א. בעטלער.
ב. טעג און נעכט.
ג. אונזער גורל...
ד. אויף אַלע וועגן.

א. בעטלער,

דאָס בעטלער־ליד.

...וועלען אלע שוין ערוואַכען, —
רייכע, אָרימע געזינדען;
וועט א מאַרגען ליד זיי גריסען:
„האָט רחמנות אויף א בלינדען!..."

גאַס צו גאַס — וועט ער זיך שאַרען,
ס'וועט זיין שטעקען טריי אים פירען;
וועט ער קנייטשען טיף זיין שטערען,
געלפאַרשוואַרצטע ציינער שטשירען.

וועלען מאַמעס דורך די פענסטער
קוקען מיט פאַרטרערטע בליקען...
וואַרפען פענים, — און דער בלינדער
וועט צו זיי זיין ברכה שיקען...

און ביי קינדערלעך, ביי קליינע,
וועלען אויגעלעך זיך צינדען;
און אים נאָכגעהן אין די גאַסען:
„האָט רחמנות אויף א בלינדען!"

און דערנאָך אהיים צוגעהן זיך,
אויגלעך זיך אליין פאַרבינדען, —
און ביי אייג'נע טאַטעס בעטלען:
— „האָב רחמנות אויף א בלינדען!..."

א פרימאָרגען

אריבער דאָך און טורעם־שפּיץ האָט זיך די זון אַ בלוטיגע באַוויזען,
און ווי אַ גבור־קריגער מיט זיין פינקלענדער געשטאַלט,
האָט זי מיט אירע דינע שפּיזען
אַ דורכגעשטאָכען שאַרף דעם רוים — דעם פענסטער פון דער וועלט,
און דורכגעשפּיזט די אויגען פון מויער און געצעלט —
די שטאַרע נעבעלדיגע שויבען.
דערשראָקענע, צעשויבערטע האָבען יונג און אַלט
פון ווינקלען, נאָרעס, בעטען זיך געהויבען,
און איילינגע אין טויזענט וועגען־שטעגען זיך געלאָזען,
ווי ציטעריג־פאַרלאָזענע, אין יאָגד פאַרפאָלגטע האָזען;
ווי קרינגער מוטלאָזע, וואָס לויפען זיך באַהאַלטען
אין גריבער — קבֿרים־ווייז — אין שטיינערדיגע שפּאַלטען.

באַלד וועט די זון אין הימעל־מיט זיך שטעלען
און אויף דעם טויזענט־פעדימדיגען נעץ־געוועב
— אין רויש זיך־וויגענדיגע גאַסען —
אַראָפּקוקען געלאַסען,
ווי ס׳קוקט אַ תפיסה־שומר
באַפּאַנצערט און באַלאָדען,
ביי די פאַרריגעלט־שווערע שוועלען,
וואָס ווייס, אַז הינטער די מיט אייזען־אויסגעגראַטע לאָדען
דורך טעג, דורך נעכט און יאָרען —
וועט קיינזאָך, קיינער, — קיינמאָל דאָרט ניט געהן פאַרלאָרען...

דער אלטער

הינטער א פענסטער פארלאזענעם —
זיצט ער און נעהט.
פנים — געלביגער,
אויגען — טונקעלע,
פראסט באצויגענע,
און א ווייסע בארד
אויפ'ן האלז צעשפרייט.
אלטער קאפ.
בויגט ער זיין רוקען און נעהט.
הויבט זיך זיין ביינינ־פארפינגערטע האנט
ווי א שאטען פון א זייגער־אומרו —
אויף אן אפגעקאלכטער וואנט.
הער און הין —
הין און הער.
בלאנקט אדורך א שארפע שער...

דוכט מיר:
זיינע ליפּען — איינגעשרומפּענע —
מורמלען גוטמוטיג און שטיל:
— בויג דעם רוקען מיר,
גאָט אַלמעכטיגער,
ס'איז דיין משא דאָך —
דיינע טעג און נעכט,
בויג מיך נידריגער
אין מיין שווערען יאָך,
מיך, דיין אַלטען קנעכט,
גאָט גערעכטיגער!"

בויגט דער קאָפּ זיך שווערער, שווער
און די האַנט — ווי פריהער —
הויבט זיך הין און הער..

האָוועגען די טאַטעס אין די אייגגע גאַסען;
פאַרען זיך די מאַמעס אין די פייכטע לעכער;
לויפען אום די קינדער אינ'ם הויף דעם נאַסען;
שפרינגען קעץ און מיאוקען אויף די קרומע דעכער.

אין די אָפענע פענסטער לופטערן זיך מאַטראַצען:
— איז אויף דעם א העלע זון פאַראַן אין הימעל...—
גאַנצע דורות וואַקסען — און א חוץ דעם ראַצען
פלאָדען זיך און מעהרען אין דעם גרויען שימעל...

קומט א קאַטערינקשיק — איז דאָס שבת צי תמוז —
מיט זיין פאַפוגייע — לעבען אויף די הויפען:
קינדער געהען טאַנצען — און די בלייכע מאַמעס
קומען זייער מזל ביי דעם פויגעל קויפען...

אָרימע מענשען...

אָרימע מענשען — די קינדער פון פּראַצע,
קויטיגע פּנים'ער, בלאַטיגע פיס.
גליקליכע לעבט איר אַפּ אייערע יאָרען,—
קויטיגע פּנים'ער, בלאַטיגע פיס.

גריבער צוגראַבען און וועגען צוּאַקערט,
פלייצעס געבויגען, געשוואָלענע הענט.
זוכען פּאַרנעהען און געהען אויף ווידער — — — —
פלייצעס געבויגען, געשוואָלענע הענט.

רוהיגע שלאָפט איר די נעכט, ווי גע'הרג'עט.
וואַקסען אוים קינדער פון אונטער דער ערד.
בעטען די ווייבער: „אַ, ראַטעווע יעזוס!"
וואַקסען אוים קינדער פון אונטער דער ערד.

העך אויף די אָרעמס, די דיכען פּארגאַרטעלט
קליידער פּאַרלאָזען, אַ רים אויף אַ רים...
אונגליקליך לעבט איר אַפּ אייערע יאָרען,
קויטיגע פּנים'ער, בלאַטיגע פיס...

דער הרוג

צווישען רעלס און ראַד
איז זיין קאָפּ צודריקט.
צווישען רעלס און ראַד
איז דאָס קינד צופליקט.

קומען מענשען אַן
שנעל פון לינקס און רעכטס;
עמיץ גיט א זיפץ,
עמיץ גיט א קרעכץ.

— וועמעס איז דאָס קינד?
פרעגען אויגען שטום.
שטעהען אלטע לייט,
מורמלען ליפען פרום.

„גאָט ערבארעם זיך,
און פארגיב מיין זינד, —
היט פון אונגליק מיך —
מיך מיט ווייב און קינד!"

אין גאס.

אויגען רויט, ציינער שווארץ, האר צושויבערט און גרוי
און די באקען צולעכערט ווי א זיפ;
שטעהט ער וואקלענד ביים שענק, רעדט צו זיך אין דער שטיל,
מיט א שמייכעל פארקרימט אויף זיין אונטערשטער ליפ.

און דערביי אויפ'ן ראג זיצט אנ'אלטיטשקע פרוי,
ווארפט איר עמיץ א סענט פאר איר קרומליכען פום.
ניט זי בעט, ניט זי דאנקט — ס'טוט א ציטער איר מויל
און א פינטעל מיט אויגען פארקלעפטע פון פלוס.

— „איילעלו, איילעלו. — מא־א־מא, מא־א־מא".
פירט א מאמע א ווענעלע אום היז־און־העה.
וויינט דאס קינד אזוי הויך, בויגט זיך מאמע און שרייט:—
— „איילעלו! — האסט געזויגט, כ'האב קיין זאך דיר ניט מעהר."

— „איילעלו, איילעלו. — מא־א־מא, מא־א־מא".
וויינט דאס קינד און פארגעהט זיך א כליפ נאך א כליפ.
זיצט באוועגלאז די פרוי, רעדט דער שכור צו זיך
מיט א שמייכעל פארקרימט אויף זיין אונטערשטער ליפ...

א סלופּ

שטעהט א טעלעגראַף סלופּ
אין א רוישיגער גאַס
אזוי הויך, אזוי הויך,
און דערביי נעבען אים,
מיט געבויגענעם קאָפּ,
שטעהט א מענש אזוי קליין
אזוי נידעריג, קליין.

ערגעץ וואו אין דער וועלט,
ערגעץ וואו אין א וואַלד, — —
איז געוואַקסען א בוים, —
איז געוואַקסען דורך נעכט און דורך טעג.
זיינען מענשען געקומען מיט בלישטשענדע העק:
האָבען וואָרצלען פאַרלענדט,
און מיט פלייסיגע הענט
האָבען צווייגען צוהאַקט
און אין ערגעץ פאַרברענט.

שטעהט דער בוים איצט אין גאַס,
שטעהט א טעלעגראַף סלופּ
אזוי הויך, אזוי הויך;
און דערביי נעבען אים,
מיט געבויגענעם קאָפּ,
שטעהט א מענש אזוי קליין,
אזוי נידעריג, קליין.

ווי אַ קאַץ,
אַזוי פלינק, אַזוי גרינג,
פון אַ שטריק צו אַ שטריק,
אַט גאָר הויך, אַט צוריק;
אויפ׳ן אָרם אַ טאַץ,
אַט אַ שפרונג — אַט אַ קלונג:
ווי אַ שפּיז,
וועבט אַהער, וועבט אַהין,
אין דער טיף, אין דער ברייט,
אין אַ ראָד זיך פאַרדרעהט,
זיך צולאָזט ווי אַ שלאַנג
אין געשוואונג און געקלאַנג,
גיט זיך פלולונג אַ ריס
הייגנט און שווינגט מיט די פיס,
אין דער ברייט אין דער לענג,
מיטאַמאָל: ביגג און בענג!
— האָפּ!
קאָפּ אַראָפּ, קאָפּ אַראָפּ — — —
— ט־ו־י ט!

שטעהט אַנ׳עלעפאַנט גרייט,
ווי אַ פעלז־מויער שטאַרק,
זיצט ער שטאָלץ אויף זיין קאַרק,
מיט׳ן טאַץ אים אַ שטורך,
און מיט וואונק און געקלונג
דורך׳ן טויער אַ דורך.

אין א קאלטען, ווינטער טאג...

װעל איך אומגעהן אין די גאסען,
נעהן און װאנדלען הין־און־הער, —
װעט א בעטלער מיך באגעגנען:
— א גוט־מארגען, ליבער הער!

װעל איך אים א פעני געבען
אין זיין האנט — פארקרומט און דאר;
װעלען זיינע ליפען שעפטשען:
— זאל אייך בענשען גאט דערפאר!

געבען אים די לעצטע פעני,
(דאס איז אלץ װאס איך פארמאג...)
װעל איך כאטש א ברכה הערען
אין א קאלטען, ווינטער טאג...

אַ לויה.

זיין ודוי וועט קיינער ניט הערען אין רוישיגער שטאָט,
ס'וועט קיינער ניט וויינען, ניט האָבען קיין טענות צו גאָט.
געשטאָרבען... וועט קומען אַ שמש צוגעהן מיט אַ פּושקע ביים ראָג —
און בעטלען אַזוי פאַר'ן טויט, פאַר'ן לעבען אַ גאַנצינקען טאָג...

אַ פערדעל... אַ מיטה... וועט שלעפען זיך פויל אויף'ן ברוק;
אַ קינד וועט פאַרבייפליה'ן און ציטעריג געבען אַ קוק.
אַנ'אַלטיטשקער איד וועט אין גאַס וואו געבויגען זיך אָפּזיפצען שווער—
אַ פרוי מיט אַ קערבעל אין האַנט וועט אין אָרבעל פאַרווישען אַ טרער...

די פרייד

שלעפּט איר אום זיך אין גאס — נאַכ'ן ווינט, נאַכ'ן שטויב,
און איר זעהט ניט די טרער, און איר הערט ניט די לויב,
און איר זעהט ניט דאָס ליכט, און איר פילט ניט די פרייד,
וואָס האָט אייער טאַטען און מאַמען באַקליידט.

האָט א שיין דורכגעשטראַלט דורך'ן בלוטיגען ים;
האָט א קול דורכגעשאַלט דורך'ן צונגיגען פלאַם.
און איר פליסטערט ווי פרי'ר — אייער זעל איז פאַרשוועכט —
—„ניט עם יובעלט דער האַר, ניט עם פרעהט זיך דער קנעכט.“

שלעפּט איר אום זיך אין גאַס — נאַכ'ן בעטלער און הונט.
ווילט איר איינקויפען פרייד אויף'ן וואַג, אויף'ן פונט...
אַ, איר גאַסיגע בעטלער, — פון שטויבען באַגלייט, —
ניט פאַר אייך איז די לויב, ניט פאַר אייך איז די פרייד...

טיף אין האַרץ קוועלט די טרער, טיף אין זעל לייכט די פרייד!
רוט די פרייד ניט אין גאַס אויף א בעטלער'שען קלייד.
און איר, גאַסיגע קנעכט, פון די שטויבען באַגלייט,
ניט פאַר אייך איז די טרער, ניט פאַר אייך איז די פרייד!

.1917

אָפּגעהוּליעט...

אָפּגעהוּליעט און פאַרהוּליעט אונזער גאַנצען יום־טוב
שיכור׳ע, פאַר׳שיכור׳ט ביז׳ן דעק דעם ווײַן.
זיצען מיר האַלב־ניכטערע, פאַרצווייפעלטע, דערשלאָגענע:
וואָס וועט איצטער זײַן?

אויסגעליידיגט אַלע כוסות; קומען אַז די ניכטער־שעה׳ן
איז שוין מעהר פון וואַנזין גאָר ניטאָ.
וואַכעדיגע, וואַכעדיגע וועלען מיר אין שרעק דערוואַרטען
אונזער לעצטע שעה.

קעפּ געבויגען, הענט געליימטע—ווי דער בעטלער אויף די וועגען
וועלען מיר אין פּיין באַגלייטען יאָר נאָך יאָר.
אָפּגעהוּליעט גאָר דעם יום־טוב, וואָס וועט בלייבען בירושה
פאַר׳ן נייעם דור...

מיר...

אונזער פרייד, —
אזוי ווי א וואָלקען פון פריען און צייטיגען רעגען,
וואָס שפּרייט זיך אריבער דער וועלט.
ברייננגט זעט פאר די פעטע מיט שפע־באַלאַדענע פעלדער
און האָט ניט קיין איינציגען טראָפּען
פאר אונזער פארשטייניגטען פעלד.

אונזער גליק, —
אזוי ווי א וואנדרער, וואָס האָט זיך נאָך גאָלד אין׳ם מחבר
גערלאָזען
און האָט ניט אין זון־היץ זיין איינציגען לאָגעל געהיט.
א דורשטיגער געהט ער צוריקוועגס — דער וועג איז פארטראָגען
און זוכט זיינע אייגענע טריט.

אונזער ליכט, —
אזוי ווי א גליוואָרם, הונגעריג קריכענדיג וואו אויף בית־עלמין׳ס,
וואָס לויכט אויף אין מיטען דער נאכט,
און פויזעט אליין אין דער פינסטער צווישען די קברים,
און זוכט אין׳ם חשך —
צי האָט מען ניט עמיצען היינט צו דער קבודה געבראכט...

טויטע

טויטע — טויט פון דורות לאנג,
מיט א בייניגען געקלאנג
געהען, געהען, געהען, געהען, — — — —
איבער מיין געביין.
איך — פארטראגען אין דער נאכט
און צו קבורה ניט געבראכט.
(אוי, מענשען,
שלים'מזל'דיגע,
איך קענט דאך אפילו אייערע טויטע ניט באגראבען!)
מיין הארץ — א הויפען שטויב,
האבען ראבען ניט קיין רויב,
וואלגער איך זיך דא ביים ברעג,
נעבען אייער שטיינערדיגען וועג.
קומען — שווינדען נעכט און טעג — — — —
טויזענט פים און טויזענט הענט,
אהן א סוף און אהן אן ענד, —
געהען, לויפען, איילען יאגען,
ווי פון תהו־ווינט געטראגען,

טויטע — טויט פון דורות לאנג,
מיט א ציק־צאקיגען קלאנג
איבער מיין געביין —
איך וואס וואלגער זיך אליין.
אויף און אפּ — ארויף — אראפּ,
טרעטען טויטע אויף מיין קאָפּ,
ווער מיט פלוך — און ווער מיט ליוב,
ווערט צושאָטען דאָ מיין שטויב,
ווי ס'צעשיטען זיך די טעג,
נעבען אייער ברייטען וועג —
(אוי, מענשען,
שלים־מזל'דיגע,
איר קענט דאך אפילו אייערע טויטע ניט באגראבען!)

ב. טעג און נעכט.

א הונט האָט זיך צובולעט אין דער נאַכט.

אין גאַס איז שטיל, די הייזער — שטום, פאַרמאַכט;
אין שאָטענס רוט די שטאָט־פאַרשטיינטע ערד;
וואָס האָט דער הונט די שטילקייט דאָ געשטערט?
וואָס וויל דער הונט? וועמ' יאָגט ער נאָך אין שרעק?
און וועמענ'ס טריט און שפּורען זוכט ער אויפ'ן וועג?
פאַרלאָרען האָט דער הונט זיין וועג בייַנאַכט:
— אין ערגיץ שטעהט א טויער הויך, פאַרמאַכט;
א פעלד... א הויף... א שייער פול מיט ברויט,
א נורע אויסגעבויט...

— האַוו — האַוו — —
עס האָט די נאַכט די וועגען אים פאַרשטעלט,
און ס'וויינט דער הונט און קלאָגט זיך אויף דער וועלט...
גאַס אויס, גאַס איין —
באַלד קומט דער טאָג מיט העלען שיין;
און ווידער וועט דער הונט אין ערגיץ וואו
געפינען זיך א היים, געפינען רו...
און ווידער וועט ער קלייבען ברעקלאך פונ'ם טיש,
און פאַלען צו די פיס,
און לעקען מיט א הונגעריגען צונג
די האַנט פון באַלעבאָס — א וואווילען גוטען יונג...
גאַס אויס, גאַס איין, —
באַלד קומט דער טאָג מיט העלען שיין —

א הונט האָט זיך צובולעט אין דער נאַכט...

נו, רעדסטו זיך איין...

נו, רעדסטו זיך איין, אז ס'איז גוט דיר צו געהן
דורך נאכטיגע גאסען און געסלעך אליין.
האט עמיץ א היים און א ווארימעס בעט,
וועט ער זיך ניט שלעפען אין גאס אזוי שפעט.

אין דארף לויפט ביינאכט א משוגע'נער אום;
אין שטאדט שלעפט זיך וואקלענד א שכור ארום.
א מענש, וואס איז ניכטער, ביים קלארען געדאנק, —
וועט עלענד ניט דרעמלען אין פארק אויף דער באנק...

וואויל דעם, וואס טוט זארגען פאר זיך, פאר דער וועלט:
א היים אויפגעבויט און א דור אויפגעשטעלט.
דאס ווייב דינט ביים לעבען אים אפ פאר'ן ברויט,
דאס קינד זיינס זאגט קדיש נאך אים נאך'ן טויט...

אויף א קרומען וועג...

ס'איז מיין וועג מיר פרעמד, פארלאזען,
און דער טאג איז וויסט און בלינד.
אין מיין בלוט זיך אנגעצונדען
האט דער לעצטער פונק פון זינד.

כ'האב שוין לאנג מיין ליכט — מיין אייגענם —
אויסגעלאשען מיט מיין הויך...
און געלאזט זיך — גלוביג־שטויביג —
נאך'ן ווינט און נאך'ן רויך...

האבען מיך באגעגענט בעטלער
מיט פארטרערטע גוטע רייד...
כ'האב פארשאכערט זיי מיין טרויער,
און געשאנקען זיי מיין פרייד...

און מיט ליידיגען געשלעפט זיך
דורך די נעכט און דורך די טעג.
ביז איך בין דא שטעהן געבליבען
אויף א שלעכטען קרומען וועג.

אהן א היים און אהן אן אפרו;
ניט קיין ווייב און ניט קיין קינד...
וועל איך מיר מיין וועג באלויכטען
מיט דעם לעצטען פונק פון זינד...

רעזיגנאציע

אַלע לעבען גוט מיט מיר,
קײנער מײַדט ניט אױס מײַן טיר, —
קריצט אױף מיר ניט מיט די צײן,
קײנער שילט ניט מײַן געבײן.

אָרעם קלײד איך מיר מײַן לײַב,
כ'רײד ניט אָפּ קײן פרעמדע װײַב;
און מיט פרעמדען — יום־טוב־װײַן
װיל איך ניט באַטרונקען זײַן.

װער עס קלעטערט אין דער הויך;
װער עס יאָגט זיך נאָך'ן רויך. — — —
ניט איך קעמף און ניט איך זיג:
ך'לעב װי אױף דער װאַנט אַ פליג...

לעב איך מיר אַזױ אַלײן,
װעט זיך שטיל מײַן צײַט פאַרגעהן.
ביז אַמאָל — ניט דאָרט, ניט דאָ —
שלאָגען װעט מײַן לעצטע שעה...

וועסט שוין גליקליכער ניט זיין...

ווערט מיר ביסלעכוויַיז שוין קלאָר,
אַז פאַרגעהן וועט יאָר נאָך יאָר —
וועסט שוין גליקליכער ניט זיין:
שטילער זיי, נשמה מיין!

וויש דיין פייכטען פנים אָפּ,
און הויב העכער אויף דיין קאָפּ.
וועסט דאָך ניט פון העלער הויט
מאַכען זיך אליין דעם טויט...

ווי אַ הונט די ברעקלעך שלינג,
און אַ הונגעריגער זינג:
זינג צו זיך, צו גאָט אַ לויב:
„הויבסט דעם אביון אויף פון שטויב!...“

פינסטער. שלאָף אין שטילער רו;
וויג זיך איין: לו־לו־לו־לו...
וועסט שוין גליקליכער ניט זיין
שטילער זיי, — נשמה מיין!

אויביג האָסטו מיך באַלייט;
פון דער וויג אַרויסבאַגלייט,
מיט מיין שאָטען זאַלבעצווייט —
אויף מיין וועג זיך אויסגעשפּרייט.

ווער עס זייהט פאַרזייהט מיט לייד,
דער האַרף שניידען דאָך מיט פרייד.
האָב איך זיך געגאַרטערהייט,
צוגעזאָגט אַ יום־טוב קלייד.

טאָג־אין־טאָג — מיין תּפיסה־קייט,
אין מיין האַרץ פאַרשפּאַרטערהייט;
ווער האָט מיר — פאַראויסגעגרייט —
און תּכריכים — אויפגענייט —
טרויער מיינער.

נאכט

אין חשך די נאכט, נאר פון ווייטען אין גאס
א פייערל ווינקט אזוי טרויעריג, בלאס.

ווער וואויגט דארט ? מיר דוכט זיך: א פינסטער־געזיכט
דארט, זעה איך, באוועגט זיך אין צאנקענדען ליכט.

צו האט דארט א גוסס פון שלומער ערוואכט ?
הויכט אויס זיין נשמה אין איינזאמער נאכט...

און אפשר א מאמע מיט אויגען האלב־בלינד,
תכריכים'לעך נעהט פאר איהר איינציגען קינד ?...

פיליכט נאר א בעטלער — פארצווייפעלט פון אלץ —
ציט אויף דארט אין באלקען — א שטריק פאר זיין האלז...

ווער וויים ?... אזא חושך. פון ווייטען אין גאס
א פייערל ווינקט אזוי טרויעריג, בלאס...

א יאָר נאָך א יאָר וועט פארגעהן...

א יאָר נאָך א יאָר וועט פארגעהן,
און זיין וועל איך אלץ אזוי איינזאם, אליין;
עס זינקט אויף׳ן קבר אלץ טיפער דער שטיין,
עס בלאָנדזשעט א קינד, אָהן א מאמען אליין,
א יאָר נאָך א יאָר וועט פארגעהן...

א יאָר נאָך א יאָר וועט פארגעהן...
און זיין וועל איך אלץ אזוי נישטיג און קליין,
עס וויים ניט דער היימלאָזער בעטלער אליין,
אוואו ס׳וועט זיך וואלגערען נאָך זיין געביין,
א יאָר נאָך א יאָר וועט פארגעהן...

אַ־אַ־אַ

— אַ־אַ־אַ, דו אונרו מיין.
וויג איך איין אין זיך מיין פּיין:
רייד איך צו מיין האַרץ און זאָג:
— ס'קומט נאָך אַן פאַר דיר אַ טאָג:
אין פאַר דיר אַ יום־טוב קלייד
ערגיץ־וואו נאָך אָנגעגרייט...

היינגט פון באַלקען נאָך אַ שטריק,
וויגט די מאַמע מיך אין וויג:
— אַ־אַ־אַ, נשמה מיין,
קומען וועט דער טאַטע דיין:
וועט דיר ברענגען מאַנדלען, ניס, —
מאַנדלען רויטע — צוקער־זיס.

וויגט די וויג זיך הין־און־הער,
שלינגט די מאַמע טרער נאָך טרער...

— אַ־אַ־אַ, דו אונרוה מיין,
וויג איך איין אין זיך מיין פּיין...

מיין מאַמע...

ווי אין שול ביים ארון קודש
לויכט א ווייסע ליכט,
איז דער אָפּשיין, מאַמע מיינע,
פון דיין אלט געזיכט.

גראָז א הינטער זיך געוואָרפן
אויף בית־עולם שטעג — —
זיינען ווי פון ווינט פאַרטראָגן
אלע דיינע טעג.

זון פאַרגאַנגען, האַרץ געשרומפּן,
ווערט אלץ שטילער, שטיל.
ווי די וואַסער־גרוב פאַרזונקען
אין דער חורבה־מיל...

צו א נייטאָרין

בויג זיך, נייטאָרין, אַלץ מעהר
מיט דיין נאָדעל, מיט דיין שער,
ס'פּלעגט אַזוי מיין מאַמע דאָך
בויגען זיך אַ גאַנצע וואָך.

באַקען — בלייך און אויגען — רויט:
קליינע קינדער ווילען ברויט...
שאַקעלט, בויגט דער קאָפּ זיך שווער,
פייכט זיך אויפ'ן זוים אַ טרער...

וויינט דאָס עופה'לע אין וויג:
רייסט פון שפּינגוועבס זיך אַ פליג.
נעהט די מאַמע גיכער־גיך,
זיפצט און זינגט אַ ליד פאַר זיך:

— ליגט א מאמע אויסגעצויגען,
שטעהט א קינד — פארוויינט די אויגען.
ווער וועט פוצען אים און צירען,
ווער וועט אים אין חדר פירען?...

בויג זיך, נייטארין, אלץ מעהר
מיט דיין נאדעל, מיט דיין שער —
ס'פלעגט אזוי די מאמע מיין
בויגען זיך טאג־אויס, טאג־איין...

ביי נאכט...

ביי נאכט איז די וועלט אזא ווייסע געוואָרען,
עס שפּילען זיך קינדער אין שניי אינ׳ם קלאָרען.

ביי נאכט האָט א מענש זיך פּאר עפּעס דערשראָקען
און גרייז־גרוי געוואָרען אזוי ווי א זקן.

זיצט זאָרגלאָז א קינד נעבען יונג־אַלטען זקן
און שפּילט זיך אזוי מיט די זילבערנע לאָקען.

און ס׳ווייס ניט דאָס קינד אז א הארץ איז דערשראָקען,
דורך איין נאכט געוואָרען א גרייז־גרויער זקן...

ביי נאכט איז די וועלט אזא ווייסע געוואָרען,
עס שפּילען זיך קינדער אין שניי אינ׳ם קלאָרען...

שנײ

די ערד איז ווײס, דער הימעל בלױ,
עס גליט די זון און ס׳בלענדט דער שנײ;
איך מאך די אויגען צו אזױ:
און גײ...

ניט פרעג: וואוהין? ניט פרעג מיך: וואו? —
ווער דארף א וועג אין ווײסען שנײ —
איך מאך די אויגען מײנע צו —
און גײ...

וועל איך די אויגען פארמאכען...

וועל איך די אויגען פארמאכען,
בראדזשען אין שניי אינ׳ם טיפען ;
הערען די קינדערלעך שטיפען,
קול׳כעלעך רייניגקע זינגען
גלעקעלעך הילכיגע קלינגען,
קינדערלאך יונגינקע לאכען, — —
וועל איך די אויגען פארמאכען...

רעכטס און לינקס...

רעכטס און לינקס — אין שניי פאַרטרונקען,
צינדט די זון אָן טויזענט פונקען;
שניי און שניי פון אַלע זייטן:
אין דער נאָהנט און אין דער ווייטן...

אין דער נאָהנט און אין דער ווייטן —
טוט דעם ברעם פון ליכט זיך קנייטשען...
נאָך פון אַלטע, אַלטע צייטן
טוט זיך גאָט מיט מענשען רייצען...

טוט זיך גאָט מיט מענשען רייצען:
— איך אַליין נאָר קען פאַרפּלייצען,
קען די וועלט מיט ליכט פאַרהילען,
קען מיט פרייד און גליק זיך שפּילען...

פון קיינעם געבענשט...

א שניי האָט צולעגט זיך אויף גאַס און אויף פעלד;
א פריידיגע זון שיינט אַראָפּ אויף דער וועלט.
„געלויבט און געבענשט זאָל אַלמעכטיגער זיין,
פאַר זילבערנער ווייסקייט און גאָלדענעם שיין.“

אַן איינציגער שטראַל שיינט אין צימער ביי מיר,
א הייפעלע שניי ביי דער שוועל פון מיין טיר...
פון קיינעם געלויבט וועט מיין זונשטראַל פאַרגעהן,
פון קיינעם געבענשט וועט מיין שניי זיך צוגעהן...

ווינטער—1919.

גאָט האָט פאַרביטען דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון.
טאָג־אויס, טאָג־איין
געהט אויף די זון אין מזרח־רויט
און שפּרייט אַריבער רוימען, ערד און וועלט
איר רויטע ליכטיגקייט
ביז זי פאַרגעהט אַזוי אין מערב־רויט.
אין קאַלטען חודש שבט,
אין ווייסען פעברואַר, —
עס באָדט זיך גאָר און ס'גליט די ערד
א נאַקעטע —
אין שטראַלען גאָלדענע —
די זאַמדיגע, האַרטע, פאַרפראָרענע ערד!
טאָג־איין, טאָג־אויס
רוקט אומעטיג אַרויס
זיין גראָען קאָפּ דער פויער פון זיין כאַטקע־דאַך
און קוקט אין פעלד:
— ניטאָ קיין שניי!
ציט זיך — א ווייסטע, א ברודיגע פלאַך!...
גאָט האָט פאַרביטען דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון!
פלאַצען אודאי און פוילען
די ווינטערדיגע זאמען אין דער האַרטער ערד!
און ניט נאָר די זאָמען אליין,
נאָר אויך מיין הארץ
(און טויזענדער אַנדערע הערצער אַזוינע...)
געהט אויס און פאַרגעהט
צוזאַמען מיט'ן קאַלטען, בענקענדיגען פעברואַר.

עס בענקט זיך נאָך דער ווייסער הייליגקייט,
נאָך אומשולדיגקייט,
נאָך שניי — וואָס טובל'ט, דעקט, פאַרדעקט,
אין ווייסקייט לויכטענדיגער
די ערד —
די שטייניגע, ברודיגע ערד, —
נאָך שניי,
וואָס בויגט זיך אזוי מחיה'דיג
אונטער מיינע שווערע־לייכטע טריט...
נאָר גאָט, —
האָט פאַרביטען דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון!
די בויגיגע ווייסקייט אויף שפּיזיגע שטראַלען.
טאָג־אויס, טאָג־איין
אין קאַלטען פעברואַר —
צינדען אַן זיך הויך די שויבען רויט,
באָדען זיך די סטעזשקעס, וועגען אין דערנידער,
וואַרימט זיך און ס'גליט די גאַנצע שוואַרצע ערד צופרידען
אין ווינטערדיגען גאַלר,
אין זון — אין רויטער ליכטיגקייט.
נאָר דו, מיין האַרץ,
(ווי טוט מיר וועה פאַר דיר!...)
גאָט האָט פאַרביטען דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון!

צי געהט נאָך ווייט מיין וועג...

צו געהט נאָך ווייט מיין וועג, צו האָב איך בלויז געצעהלטע טעג,
אַלץ איינס — מיר האָט זיך היינט פאַרוועלט,
אַ לויב־געזאַנג, אַ זיי־געזונט — זיך שיידענדיג,
איצט שיקען צו דער וועלט.

יאָ, יאָ, אַ דאַנק פון מיר — אייך אַלעמען ביי וועמענס טיר
איך האָב ווען אויפגעאָטעמט פריי;
אויף פרעמדען שוועל מיט ברויט און זאַלץ זיך קוויקענדיג,
אין ווייטען וועג פאַרביי.

וואו ס'האָט מיין צווייפעל־פיין אין שאָטען צי אין שיין,
צוזונגען זיך פון אונרוה־טעג.
און אויף אַ וויילע כאַטש, האָפענדיג, און הפקר'דיג,
געמאַכט מיר גרינג דעם וועג...

איך ווייס ניט...

איך ווייס ניט צו וועל איך דערלעבען
אז עלטער פון גרייז־גראָע האָר:
איינס ווייס איך, — אז גראָ און אין גראָען
פארגעהט מיר אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

איך ווייס ניט צו וועט אויף דער עלטער
מיין אייגענס מיך פירען ביים האנט;
איינס ווייס איך, ס'וועט שלאָגען מיין שעה
אין ווייטען פארוואָגעלטען לאנד.

צו וועל איך מיין טאַטען און מאַמען
נאָך טרעפען אַמאָל אויף מיין וועג:
איינס ווייס איך, — ניט איך וועל זיי ברייננגען
דעם שכר פאר געליטענע טעג...

מיט'ן שליאך זיך געלאזט...

מיט'ן שליאך זיך געלאזט —
(אין די זוניגע טעג).
אויף'ן ווינט זיך פארלאזט —
(אוי, איר גלויביגע טעג!)
איז א הימעל פארשפרייט,
און די ערד אזוי ברייט —
אלץ פאר אונז אנגעגרייט.
זיינען יארען אוועק —
(אוי, פארלארענע טעג!)
ווערט אלץ שמאלער דער וועג —
(אין די ניכטערע טעג.)
נאך א וויילע און די האנד
גרייכט דעם דונקלען ראנד
פון פארבאטענעם לאנד...

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט.

דער אקער בליציג־שארף איז גרייט,
דער אָקס אין שטאָל א זאטער שטעהט
און ציהט די פיס צום אקער־שטעג...
עס האָט מיין ערד דורך הונגער־טעג
פארשלונגען און אין זיך פארדייט
דאָס ביסעל ווארימע פעטע מיסט,
וואָס איך האָב מיט מיין האנט פארשפרייט
אויף יעדען פאס, אויף יעדען בייט.

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט.

באלד קומט א וואָלקען אָן פון ווייט,
א שפע פאלט מיט יעדען טראָפ
אויף מיין צעאקערט פעלד אראָפ.
עס קרעהט מיין האָן אין מאָרגען־שטונד,
עס בילט א פריידיגער דער הונט, — —
גלייך מיט'ן ברויט — וואקסט אויס מיין קינד.
מיין ווייב געהט אום אין שטוב, אין הויף,
און הויבט די אויגען פרום ארויף —
זאָל ער פון זינד אונז וואשען ריין.
און ניט אומנישט און ניט אומזיסט
זאָל אונזער שווערער טאָג פארגעהן...

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזען וויסט...

טויזענד ווייסע וועגן

טויזענד ווייסע ים׳ען־וועגן אין דער נאַהנט און אין דער ווייטען, —
הוידעט זיך מיין שיף אויף ווייס־באַשוימטע וועגן.
שניידען נאַהנט זיך אינזלען — גראָז־באַפּלעקטע, זאַמד־באַדעקטע, —
מענש־געשטאַלטען — אויף די פעלז־פאַרצוימטע ברעגן.

טאַטע־בליקען, מאַמע־אויגען, שוואַרצאַפּעל פון קליינע קינדער, —
פינקלען גליווערעמדיג אויף אין ווייט — דער שיף אנטקעגען.
קוקען אומעטיג פאַרבענקטע מיט פאַרלאָקטער קנאה — —
ווי עס שווימט מיין שיף אויף שוים־באַזוימטע וועגן.

זומער רעגנ

זומער רעגנ, זומער רעגנ
טאנצנ קינדער אים אנטקעגנ.

בלעזלענ זיך די שטעגנ־וועגנ,
ציט א לייכטער וואלקנ אויבנ:
בליצנ אויגלעך — רעגנבויגנס —
אויסגעוואשנ אלע שטויבנ.

טריפ־טראפ, טריפ־טראפ — פאלט דער רעגנ
אויף די מעזשעס אויף די בייטנ,—
וואשט ער אויס א גרינעם דעקטוך
אלע לאנקעס צו פארשפרייטנ.

עפענט זיך דער מאנ אינ גארטנ,
נעהט אויף הויך אינ פעלד דער קארנ:
פאטשנ הענטלעך — קליינע קינדער
ווערנ גרויס אויף לאנגע יארנ.

רויטע עפל — פולע זאנגנ
לייכט אונ לייכטער צום גערייענ, —
וועלנ וואקסנ קליינע קינדער,
קיינמאל ניט פונ ווייט צו שרייענ. — — — —

זומער רעגנ, זומער רעגנ
טאנצנ קינדער אים אנטקעגנ.

דער ברוינער שמעטערלינג

בארוהיגט, רוהיג ווי די נאכט, געווען איז מיין געמיט,
ווי ס'טרעפט אמאָל אין קילע, שטילע, זומערדיגע נעכט.
בין איך אין הויז אריין מיט לייכטע זינגענדיגע טריט,
מיין לאָמפּ מיר אָנגעצונדען — און ס'האָט א העלער שיין
באלויכטען מיינע ווענט, ווי ס'וואָלט א יום־טוב זיין.
איז מיט אמאָל: פון גאָט, פון נאכט — ווער ווייס פון וואנ' —
א קליינער ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריינגעפלויגען.
האָט איינס און צוויי און דריי —
געשווינדעלט פאר די אויגען
און נעהענטער אלץ נעהענטער געצאפּעלט זיך ביים שיין,
און נאָכדעם, ווי אנטוישט — געבליבען שטעהן
ביים שפּיגעל אויף'ן וואנט
מיט פליגעלעך צעשפּרייט — פאנאנד.

געוועזן איז מיר אויף׳ן הארצען גרינג און גוט.
און רוהיג, ווי די נאכט, געאטעמט האט מיין בלוט.
אוי, שמעטערלינג אין נאכט!
פאראיינזאמטער, זיך צאפלענדער, פארבלאנזשעטער אהער,
פארוואס איז מיר געווארען אומעטיג און שווער,
ווען ס׳איז דער קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריין
דערזעהענדיג אין נאכט מיין זומערדיגען שיין?
אודאי האט ער זיך זייט זון־פארגאנג
אויף וועג־און־שטעג געצאפעלט לאנג
אלץ זוכענדיג א שיין —
נו, איז ער איצט צו מיר אריין,
האט איינס און צוויי און דריי געשווינדעלט פאר די אויגען
און נאכדעם אין א ווינקעל שטיל פארפלויגען
ביים שפיגעל אויפ׳ן וואנט
מיט פליגעלעך־פאנאנד.

ווער האט אין זומער־שעה די אונרוה מיר געבראכט?
אוי, קליינער, ברוינער שמעטערלינג אין נאכט...

ג. אונזער גורל...

אוי, וועלט...

ביי מיינע פיס פארגעהט א ניט־דערקוילעטע די וועלט,
באשפריצט מיט גסיסה־בלוט מיין פנים, מיינע הענט.
נא, זעה — מיין פנים און די הענט אין בלוט פארשמירט, צוברענט,—
אוי, וועלט, —
ניט איך האב דאך פאר דיר דעם שוועבד געגרייט, —
ניט איך האב דאך דיין זון אין בלוט געוואשען רויט,
די פלעקען אויף מיין הויט — די שפורען פונ'ם טויט, —
און אפשר איז עס גאר דאס בלוט — מיין בלוט — פון אייגען פלייש
אוןביין,
פון אייגען הארץ ארוים — מיין בלוט, מיין וואגלער־בלוט אליין, —
אוי, וועלט, דו וועלט !

אונטער מיינע פיס פארגעהט, פון בראנד פארצערט, די וואקלענדיגע
ערד,
און ווי א חיה — ווילד, דערשאכטען־האלב, זיך ראנגעלט מיט'ן טויט—
אוי, וועלט — —
ווער האט אין האנט געגעבען מיר א שווערד ?
ווער האט צו מיר גערופען : „שעכט ! !"
און אפשר איז דער וועלט אין אייגען בלוט זיך לייטערען געוועזן
באשערט,
האט ווידער איר מיין בלוט, מיין הבל־בלוט פארשוועכט...
אוי, וועלט, דו וועלט!...

איך און דו...

נעבויגנען, —
מיט פארלאפען שטארע אויגען,
ציין אין ליפען איינגעקלעמט,
און פאר זיך אליין פארשעמט, —
איך און דו — אוי, ברודער מיין,
ווער וועט שטילען אונזער פיין ? —

פארטריבען, —
ווי דער שפריי פון ווינט געטריבען, —
האט די בייז־אנטפלעקטע שאנד,
אונז דערהגרייכט אין פרעמדען לאנד, —
איז די שאנד דאך מיין און דיין, —
נעם, פארנעם עס, ברודער מיין.

פארלאזען, —
ווי אויף פעלדער ווילדע גראזען, —
נעהנט, גענעהנט די לעצטע שטונד, —
ווער וועט היילען אונזער וואונד ?
איך און דו, — אוי, ברודער מיין,
וואס וועט אונזער גורל זיין?...

די בשורה

אריבער קעפּ געבויגענע מיט אַש באַשאָטענע;
אריבער היימען חרוב'ע און האַב־און־גוטס צוטראָטענע;
אריבער קינד'ס־געוויין און מאַמע'ס־קלאָגען, — —
האָט זיך אַ קלאַנג, אַ גאולה־קלאַנג צוטראָגען.

און ס'האָט דער קלאַנג געהייליגטער דורך בלוט און פלאַמען,
צוטראָגען זיך אריבער אַלע שבעה ימ'ען,
און איינגעשטילט האָט זיך דאָס בלוט, וואָס האָט די ערד געבאָדען,
וואָס האָט זיך ניט פאַרזאַפּט אין זאַמד און דורות־לאַנג געזאָדען...

און אָפּגעלאָזט האָט מאַמע־האַנט, וואָס האָט די האָר געריסען;
די ציין, — וואָס האָבען זיך אַליין דאָס פלייש ביז בלוט געביסען.
עס האָט דער אַלטער גרייז אַ ציט'רענדער אין טיפען גלויבען
דעם קאָפּ געבויגען טיף און וויינען אָנגעהויבען...

1917.

אינגעלע־ליבער...

א שפּיז אין דער לופטען,
א שאַרף פון א שווערד, —
מיין קרוין ליגט פאַרבלוטיגט,
פאַרבלוטיגט אויף דר'ערד.

— אינגעלע ליבער,
קליינינקער מיין, —
דו וועסט שוין ניט זעהן מעהר
די ליכטיגע שיין...

אין רויך און אין פייער
ביסטו ניט אוועק,
א גוסס'ן האָט מען
געלאָזט דיך אין וועג.

א פערד איז געפלויגען,
דער פיינד האָט געזיגט —
און האָט מיט די פיס דיר,
דיין הערצעל צודריקט.

— אינגעלע ליבער,
קליינינקער מיין, —
דו וועסט שוין ניט זעהן מעהר
די ליכטיגע שיין...

עופה'לעך...

עופה'לעך אומשולדיג־צארטע — די בלומען פון אייביגער ערד, —
עס איז אייך אין קינדהייט — קיין קינדהייט שוין מעהר ניט באשערט.
רוהען די טאטעס — געקרייציגטע דורות — אין רויטען, אין בלוטיגען זאמד,
אינ'ם חרוב'ען לאנד.

ליגען פארבארגען די מאמעס — די שאטענס פון חרוב'ער ערד, —
אין אשיג־פאר'שרפה'טע לעבער פון היימען צושטערט.
וועט איהר צוזאמען מיט אייערע זיידעס פארלארענע גהן אויף דער וועלט,
אויף דער חרוב'ער וועלט...

וועגען און שטעגען...

וועגען און שטעגען — אין שנייען און חושך:
דוכט זיך אַ בילען פון הינט.
— וואַנדערער, וואַנדערער, הער זיך ניט צו —
דאָס וויינט נאָר דער ווינט.

נעפּלען און שטעזשקעס — פאַרוועהטע: אַ דעבעל
ערגיץ־וואו זעהט זיך אַרויס.
— וואַנדערער, וואַנדערער גייה ניט אַהין,
פאַרלאָזט איז דאָס הויז.

פענסטערלעך, ווענטלעך—אין חושך פאַרשאָטעו,
ליגט אונטער שנייען דער פּלויט...
— וואַנדערער, וואַנדערער קלאַפּ ניט אין טיר —
עס רוט דאָ דער טויט...

העי, אייגענער־פרעמדער...

וועט קומען א מאן מיט נעבויגענעם נאקען
פון ווייטען, פארהונגערטען לאנד.
— העי, אייגענער־פרעמדער, צי האסטו באגעגענט
מיין טאטען אין חרוב'ען לאנד?

וועט נעהמען דער אלטער א ליידיגע טארבע,
און אויסשטרעקען וועט ער זיין האנט...
— העי, אייגענער־פרעמדער, צי האסטו געטראפען
מיין מאמען אין חרוב'ען לאנד?

און שטיל ביי דער שוועל וועט ער שטעהן, נאר זיין שאטען
וועט ציטערען קוים אויף דער וואנט...
— העי, אייגענער־פרעמדער, צי האסטו געזעהן
מיין שוועסטער אין חרוב'ען לאנד?

און אויסשטארצען וועט ער דערשראקענע אויגען,
און בויגען דעם פנים אין שאנד...
— העי, אייגענער־פרעמדער, צי ווייסטו די וועגען
צוריק אין פארהונגערטען לאנד?...

זאַלבעדריט....

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט
מיט פאַרהוילענע טריט
די טראַנשעען פאַרלאָזט
און אין פעלד זיך געלאָזט
אויף דער וואכט, אין דער נאכט,
אין דער טונקעלער נאכט.

וואָלקענס רונד, וואָלקענס הויך,
ערד און הימעל אין רויך.
שווערד געשאַרפט, קויל געגרייט
און פון אונדז באַגלייט...
זאַלבעדריט, זאַלבעדריט
מיט פאַרבאָרגענע טריט...

קוקט דער טויט פון דער זייט
ס'איז דער שונא ניט ווייט...
שאַ... די קניען געבויגט
און אויף דר'ערד זיך געלעגט
אויף דער וואכט, אין דער נאכט,
אין דער טונקעלער נאכט...

טיאַף און טיאַף... מיט אמאָל
צי פון באַרג, צי פון טאָג, —
טועז שאַטענס אַ שפּרונג,
גיבען מעסער אַ קלונג, — —
אַהן אַ רוף, אַהן געשריי, —
אַלע דריי — ליגען זיי...

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט
מיט פאַרהוילענע טריט
זיך געלאַזט אינ׳ם וועג,
און אויף אויביג אַוועק
אויף דער וואכט אין דער נאכט,
אין דער טונקעלער נאכט...

ד. אויף אלע ווענען.

מתנה

שוין טויזענט מאָל

שוין טויזענט מאָל האָט מען דיין ליד געזונגען.
אין שטאָט, אין דאָרף, אויף באַרג און טאָל —
און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל. — — —
אין אייזען־גלי אויף שטיין געשמידט,
אין בעטלער׳ס ליד, אין אַקער־שניט,
אויף פּאַלאַץ־שוועל, אין תּפיסה־צעל,
אין רינשטאָק שליים, וואו אָהן אַ היים
דערגעהט, דער׳גוסס׳ט, ווי אַ הונט
דער וואַגאַבונד.

שוין טויזענד מאָל האָט מען דיין ליד געזונגען.
נאָר קיינעם׳ס אויג פון שענסטען, אויסדערוועהלטסטען דור
האָט ניט געבלענדט זיך היים מיט דיינע ברוינע, זון־פאַרברענטע האָר;
האָט ניט געשפּירט דיין בלוט־געלויף, דיין הייסען הויט־געדרוך,
און ווי די זון מיט יעדען מאָרגען־ברוך
צולאָזט אין מזרח נייעם גלוט,
און ווי דער אָוונט־שטערן שימערט אויף מיט נייעם בלוט
אין יעדער תּמוז־נאַכט —
אזוי האָסטו מיר נייעם ליכט געבראַכט,
דו, ערשטע פרוי־געשטאַלט פון נאָהענט און פון ווייטען,
פאַר דיר מיין ליד — דיין ליד — דאָס ערשטע ליד פון אַלע צייטען!

ב ר ו י נ ע

ברוינע, רויטליך־ברוינע, זון־פארברענטע זייגען דיינע האר,
מיינע — קויל, —
גליהען מיט דעם שארפען, שטאלען־שארפען גלי פון קויל.
זעה, —
אינ׳ם זשאר פון פלאמיגען קאמין
אויפגעגליט האט העל א פייערדיגער רונדער קאפ —
פלאמיגע אויגען און פלאמיגע האר. —
שווארצע קוילען —
פאלען אין׳ם גלוט אריין,
קנאקען, שפריצען —
פון׳ם פלאם געבריט,
פון׳ם פלאם פארגליט — — —
ווערען גלוטיגער די פייער־פעדים, —
בלוטיגער די אויגען —
דורכגעברענט האט שוין דאס הארץ פון שווארצען קויל,
פליהען פונקען אויף און אפ
רונד ארום דעם פייער־קאפ.
פונקען — פייער־אויגען,
רויטע צינגלאך —
שפילט מיט רויטע צינגלאך זיך דער פייערדיגער מויל
שלינגט און שלינגט אין זיך דעם דורכגעברענטען קויל —

ברוינע, רויטליך־ברוינע זון־פארברענטע זייגען דיינע האר,
מיינע — קויל, —
גליהען מיט דעם שארפען, שטאלען־שארפען גלי פון קויל.

אויף וועגן

איך ווייס:
ביידע געהען מיר איצט אויף באזונדערע וועגן.
אויף דיין וועג ווי אויף מיין
איז'ם גאלדיגען שיין,
פאלען בלעטער אראפ
אויף דיין גאלד ברוינעם קאפ,
פאלען בלעטער געדיכט,
בלעטער ברוין ווי דאס ליכט,
פון די הערבסטיגע טעג,
פאלען בלעטער ווי טעג
אויף דיין וועג.

אויף באזונדערע וועגן;
נאר איך הער — ס'קומט אהער
דאס געוויין,
פון'ם הערבסטיגען בלאט אין פארגערן.
הענגט אין הערבסטיגען שניט
דיינע טריט ניט געהיט...
ווייען בלעטער ווי טעג,
ווי די גאלדיגע טעג.
איז'ם הערבסטיגען שיין
אויף דיין וועג ווי אויף מיין.

מיין פרייד

עס שרייט ארויס פון מיר מיין פרייד,
מיין ניט דערלעבטע פרייד.
כ'האב טאג־נאך־טאג מיין אייגען הארץ
פארדערט מיט גוטע רייד;
און שטילערהייט אראפ־אראפ, —
געבויגען טיף מיין יונגען קאפ;
און איינגעפרירט מיין הייסען בליק,
און אפגעלעגט מיין אייגען גליק...
נאר ווען עס האט זיך רויט־צופלאמט
דעם אטעם פון מיין ווילדען בלוט, —
און דורכגעקראמפט דורך יעדען ביין,
און דורכגעקריצט זיך דורך די ציין, —
אין א פאר'חלש'טער מינוט,
בין איך אין גלוט אויף אלע פיר
דערקראכען צו א פרעמדער טיר, —
אין פרעמדער פרייד און פרעמדען ליכט
געוואשען מיין געזיכט...
אין זיך אליין מיין וועה פארגלעט;

אויף גאַרנישט־ניט געוואַרט,
און טויזענד מאָל מיין זעל׳ גענאַרט,
פון טאָג־צו־טאָג און וואָך צו וואָך
זיך־טרייסטענדיק מיין האַרץ פאַררעדט:
— „ס׳וועט קומען נאָך!“ —
מיין אייגען פרייד ניט אויסגעלעבט,
און קיינמאָל ניט מיין גליק דערלעבט...

עס וויינט און שרייט אין מיר מיין פרייד,
מיין פרייד, מיין פרייד, —
מיין ניט דערלעבטע פרייד...

ד ו . . .

ניט אין יום־טוב׳דיגער שטילקייט פון א רוהיג אידיש ווינקל,
ניט אין ריינער שבת׳דיגער בענש־ליכט שיין, —
ניט געלייטערט וועסטו זיך צו מיר באווייזען,
דו, פארשטויסען־וואגלענדיגער חלום מיין!

ערגעץ וואו אויף קרומע שטעגען — זינדיג־טומלענדיגע וועגען,
ערגעץ אין א שטאט פון אייזען און פון שטיין;
וועל איך פלוצלונג א געבויגענע דיך טרעפען,
ווי דו וואנדערסט נאכטיג — גלייך ווי איך אליין.

וועלען גליהען דיינע אויגען אונטער פייכטע שפיזען־ברעמען,
דיינע ליפען שארף פארביסען אין די ציין;
וועל איך נאך דיין פרעכען, וויינענדיגען שאטען
ערגעץ אין דערנידעריגטע געסלעך געהן.

דו, ווי איך, פארשעמט, פארלארען, און פון זיך אליין פארוואגעלט,
דו, נאר דו, וועסט מיין באשערטע כלה זיין!
זינד דורך זינד געהייליגט — דו מיין אויסדערוועהלטע
דו, פארשטויסען־וואגלענדיגער חלום מיין!

ג

מיין הארץ

האסט מיט דיין בליק מיין הארץ אין צוויי צושפּאַלטען,
פארשייטע דו, —
ווי שטענדיג האט דיר אפּגעגאַלטען
דורך מיין צושפּאַלטען הארץ געפינען זיך א שטעג
און רוהיג ווייטער געהן דיין מדבר־וועג...

דיין בליק האט מיר מיין הארץ אין צוויי צושפּאַלטען.
פארלארענער, —
איך בין אויף אייביג שוין פארשאַלטען
אין איינ׳נעם הארץ זיך טרינקען אלע מיינע טעג
און, ווי א שיף אין תהום, ניט זעהן קיין ברעג...

צו...

דיין האַלב־פאַרשטיקטער זיפץ האָט מיך דערגרייכט;
דיין שטילער וועה האָט אין מיין האַרץ זיך אויסגעגליכט...
דעם אומעט פון דיין בליק האָט איך דערקענט:
אזוי האָט שטיל אַמאָל מיין זיידענס יאָרצייט־ליכט דערברענט...

דיין בלייבע האַנט, וואָס הייגגט אזוי אראָפּ,
דיין ציטערדיגער גאַנג, דיין טיף־געבויגטער קאָפּ,
דערמאָנט האָט מיר מיין מאַמעס אויף'ן וועג,
ווען איך בין פון דער היים אַמאָל אין פרעמדען לאַנד אַוועק..

עפיגראם

ס'איז קלעאפאטרא שעהן געווען — געווים !
געבענשט זאל זיין דערפאר מצרים־לאנד.
נאר איך וועל צערטלען דיינע קליינע קאוונאפים
און קושען דיר דיין אויסגעבלייכטע קאוונא־האנט.

אודאי האט זיך צעזאר גוט און פיין
פארבראכט ביים קעניגליכען שפילעוודיגען וויין.
נאר איך וועל, קאוונא־קינד, דיך ניט פארבייטען
אויף אלע קלעאפאטרא'ס פון די שענסטע צייטען.

צו א לאבענדיגער.

איך האָב זיך פאַר דיין פרייד פארשעמט
דו, לאבעדיגע דו, —
און ווי א קינד דערזעהט צום ערשטען מאָל
גאָט'ס ליכט,
האָב איך פארבאָרגען מיין געזיכט...

— א שוואלב פליט צו איר נעסט — ציף, ציף;
א וואסער־שטראָם פון בארג פאלט טיף;
א רעגענבויגען אין דעם אָב'יג־ווייטען רוים;
אין פריע טעג — מיין ערשטער טרוים.

איך האָב זיך פאַר דיין פרייד פארשעמט:
דיין פרייד — מיין פרייד,
דו, פלאטערדיגע דו,
וואו איז עס וואו? —

— א טבת־טאָג. דער וואגען איז געשפאנט;
מיין מאמע טראָגט א שווארצע שאל אין האנט:
זאָלווארים זיין איר קינד, וואס געהט אוועק
אין ווייטען וועג.

טראָגט וואָגעו זיך און פערד
אויף היימיש־איינגעפּראָרענער ערד.
אנטלויפען שנעל צוריק די בוימער ריי־נאָך־ריי,
און צו דעם קלאַפּ פון פערד און ראָד־געדרעה,
קלאַפּט אומרוהיג מיין הארץ — באַקלייַדט, באַלייט
פון מאמע׳ס מיר געבענשטע פרייד,
געלייטערט אין איר שטילער מאַמע־לייד.

עה, ווייט, ווי ווייט עס איז דער טאָג אצינד!
פאַרבלאָנזשעט האָט זיך אין דער פרעמד דאָס קינד,
די שווארצע שאָל האָט לאַנג אויף פעדים זיך צוצויגען,
מיין פרייד, מיין מאַמע פרייד,
איז ווי א רויך, און הויך צושפּרייט,
פאַרפלויגען, —
האָב איך זיך איצטער פאַר דיין מיידעל־פרייד פאַרשעמט,
דו, לאַכעדיגע דו,
דיין פרייד, מיין פרייד —
וואו איז עס וואו?

איך האָב דיך היינט דערזעהן.

איך האָב דיך היינט פאר זיך — אין זיך — דערזעהן.
כ'האָב מיט אמאָל אין מיינע אָדערען דערשפירט,
אין יעדען גליד, אין יעדען ביין, —
דאָס ביסטו דאָך אליין, —
און ווי עס הויבט זיך אויף פון פלאַם א רויך
צום הימעל־הויך,
האָב איך זיך פלוצלינג אויפגעהויבען לייכט און העל
אריבער וועג און שטעג,
אריבער מיר און דיר, — — — —
און נאָכדעם זיך דערזעהן א שטראַלענדיגען אויף דער שוועל
פון מיין אויפגעפּראַלטער טיר.

פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באהאלטען אזוי לאנג?

פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באהאלטען אזוי לאנג?

געהט א בעטלער אין זיין וואקלענדיגען גאנג,
שניידט זיך דורך אין ראָד־גערויש א בעטענדיג געזאנג,
פירט א מאמע צניעות'דיג איר קינד ביים האנט,
שלעפט זיך פויל א פרוי אין טריט פון זינד און שאנד...
זוך איך דיך אין אלערליי געשטאלטען; —
און דו אליין —
דו האָסט זיך גאָר ביי מיר אין בלוט באהאלטען,
דורך נעכט און טעג געצעהלט מיר מיינע טריט,
ווי ס'צעהלט די גארבען־ווייץ א בינדער נאָכ'ן שניט,
די לעצטע קערענדלאך, פארטרעטענדיג אין דר'ערד...
און גייט — באלייט די טריט פון פערד
מיט הערבסטיגען געזאנג...

פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באהאלטען אזוי לאנג?

און אז איך האָב די אויגען אויפגעמאכט...

ווער האָט צו מיר מיין כלה־לייב געבראכט אין מיטען נאכט?
און אז איך האָב די אויגען אויפגעמאכט —
האָב איך דערזעהן —
— א האַריזאָנט וואָס גליהט אין נאכט און בלענדט,
— א דאָרף, וואָס ווערט אין פייער וואו פארברענט
— א וואלד, וואָס ווערט מיט צווייג און שטאָם פארלענדט.

האָב איך צום פייער־האָריזאָנט א שטרעק געגעבען מיינע
ציטערדיגע הענט
האָב איך דערזעהן — —
דאָס ביסטו דאָך אליין!
גליהט אין דער נאכט דיין מיידעל־לייב
א ג ל י ד פ ו ן ג ל י ד און פון מ י י ן ב י י ן
א ב י י ן

מיין כלה־ווייב, —
אין בלוט פון מיר באהאלטענע פון יאָהרען,
און איצט אין מיטען נאכט געבאָרען!
— א האָריזאָנט וואָס ברענט — א וואלד וואָס ווערט פארלענדט
און איך מיט מיינע ציטערדיגע, גליהענדיגע הענט
אין מיטען נאכט —
ווער האָט צו מיר מיין כלה־לייב געבראכט...

א צווילינג.

איך און דו — א צווילינג ניט־געבאָרענער
צוויי לעבענס —
אין א נעץ פון אַדערען געפאנגען.
גליד אין גליד —
איינגעקנאָטען,
איינגעפלאָכטען.
אויג אויף אויג און מויל אין מויל
איינגעוויקעלט —
ווי צוויי שלאנגען אין א קנויל.
ראנגלען מיר זיך —
פאר איין טראָפּען בלוט פון מאַמע־הארץ,
פאר איין אָטעם פון דער מאמע־טראכט.
וויקעלט ביסלעכווייז דער קנויל זיך שוין פאנאנדער —
צוקען לעבענס צוויי —
ווער דורך וועהטאגען וועט פרי'ר געבאָרען ווערען,
ווער פון אונז וועט פרי'ר גאָט'ס ליכט דערזעהן, —
גאָט'ס ליכט דערזעהן —
און פון ליכט באגלייט,
אין'ם ליכט צושיידט.
איך און דו — א צווילינג ניט־געבאָרענער.

בלענדט דאָס ליכט...

בלענדט דאָס ליכט מיר פון דיין הויט,
ווייס איך אז מיין בלוט איז רויט.
אויגען — פייער־רעדער צוויי,
יאָג איך זיך אין ראָד־געדרעה.

פליהען פונקען אויף און אָפּ,
יאָגט מיר נאָך א פייער־קאָפּ;
אויגען איינגעברעמטע פעסט,
ציין אין ליפּען איינגעפּרעסט.

פייער־רעדער. שאַ, מיין בלוט!
קלאַפּט דאָס הארץ מיר: גוט־גוט־גוט!
רוהיג, רוהיגער אין רו — —
עי, דו שמייכלענדיגע, דו.

א בליק געטאָן אויף זיין אָראָפּגעפּאַלענעם געזיכט,
אויף דיינע האָר צעשויבערטע געדיכט:
אויף דיין פֿאַרשאַרפֿטען־צוקענדינען מויל —
און איך — אויף דיינע אַקסעל — הויל,
מיט מיינע האַריג־אויסגעשפּרייטע הענט,
האָב איך זיך מיט אַמאָל דערמאַנט.

— א געלער שטיין
אין זיידענס גאָרטען,
נעהט איינגעלע אין פֿרילינג־צייט
מיט לאַפּעטע אין האַנט:
בייטען אויפֿצושיטען
זאַמען צו פֿאַרזייען.
א הויב דעם שטיין —
און אויף דער שוואַרצער טוכלער ערד
אַנטקעגען זון —
א גריינער וואָרם הויבט זיך שלאַנגיג אָן צו דרעה׳ן—
הין און הער,
אויף און אָפּ.
נעמט איינגעלע און האַקט דעם קאָפּ אָראָפּ:
ראַנגעלט זיך דער קאָפּ אַליין,
רינגעלט זיך דער גוף ווי פֿריי׳ר.

נעמט אינגעלע און האקט
דעם עק אוועק —
ראנגלען־רינגלען זיך און ציהען
אין העלען שיין —
דער קאָפּ,
דער עק,
דער גוף אין מיטען.
און ווייטער געהט דאָס אינגעלע
מיט לאָפּעטע אין האנט
בייטען אויפצושיטען,
זאָמען צו פארשפּרייטען
אויף די פרישע בייטען.

א בליק געטאָן אויף דיין אראָפּגעפאלענעם געזיכט ;
אויף דיינע האָר צושויבערטע געדיכט :
איז מיר געווארען אזוי שווער און באנג :
פארוואָס האָב איך דעם שלאנג געמאַטערט אזוי לאנג ?...

הערבסט.

ליינען־ווייסקייט אויף מיין בעט פארצויגען,
בריט און בלענדט די ווייסקייט מיר די אויגען.

קוקט דער געלבליך־גרויער פלאקס מיט טויזענט אויגען,
בלוט פון זונען, זאפט פון אפגרונט איינגעזויגען.

ביימען גוואלטיג זיך נויגען; נאכט — צו מעריב אויסגעצויגען
און איבער זיי, פארווינטע, איז א בלויקייט אויסגעבויגען.

קלינגען הערבסטיג שארפע קאסעס, מערען זיך די גארבען, סטויגען,
און דער זומער מיט די זונען — ניט געשטויגען, ניט געפלויגען.

גייט דער פויער גאפ'ן. וואגען — ברענגען, פינקלען זיינע אויגען,
ווי א יעגער — רעכטס — זיין רויב־זאק, לינקס — זיין טרייער
פייל־און־בויגען.

ליינען־ווייסקייט אויף מיין בעט פארצויגען,
בריט און בלענדט די ווייסקייט מיר די אויגען.

צו א קאפריזנער...

טויזענט־פעדימדיגע, דו.
אין דעם טויזענט־פעדימדיגען נעץ־געוועב
פון דיינע קאפריזען
האב איך זיך פארפלאנטערט.
האסטו מיך מיט דיין לייכטער צארטער האנט,
ווי א האז א געפאנגענעם
א צושראקענעם,
א פארלארענעם, —
אין דיין טויזענט־פעדימדיגען נעץ געוויגט
אהער־אהין,
אהין־צוריק.
האט מיט אמאל א ברען געטאן דיין בליק,
האט היים א גלי געטאן א שמייכעל אויף דיין מויל,
ווי ס'צינדט זיך אן אין פלאם א קויל.
און מיט אמאל —
ווי שפינוועבס פון א ווינט צובלאזען,
האט זיך דיין טויזענט־פעדימדיגער נעץ
צולאזען.
און ס'האט א בלענד געטאן
פאר מיינע אויגען

אײן פֿאָדים נאָר —
א גלוטיגער,
א בלוטיגער,
פֿון אײן עק װעלט צום צװײטען אױסגעצױגען.
און אױף'ן פֿאָדים הענגען, װי געקװילעטע,
אלע מײנע שעה'ן,
אלע מײנע יאָרען,
און איך אלײן,
און דו — — —
איז מיטען װעלט.
א פֿאָדים — אײן־און־אײנציגער,
א רעגענבױגענדיגער פּאס,
װאָס ציהט זיך אזױ פֿײערינ
פֿון ערגיץ װאו — צו ערגיץ װאו — — —
עי, טױזענט־פֿעדימדיגע דו!..

טרויער

דו וועסט דיין טרויער סיי־ווי ניט פארמיידען
און ווי דער טויט,
וואָס רוהט אין יעדען ווינקעלע פון הויז
און גראבעלט זיך געהיים מיט פּאַרזיכט־טריט פון מויז.
און ווי דער שטויב,
וואָס צעהלט און צייכענט דיינע טריט —
אזוי איז אויך אריבער גאָר דיין וועג פארשפּרייט
דיין טרויער — דער שאָטען פון׳ם טויט.

דו וועסט דעם טרויער סיי־ווי ניט פארמיידען.

יונגלינג, דו, —
די פרייד וואָס גליהט אויף דיין געזיכט,
דאָס ליכט,
וואָס פיהרט דיין בלוט און לייכט — באלייכט
די אָדערען — די וועגען פון דיין הארץ,
דיין הארץ — דעם שליאך פון דיין געמיט, —
היט איין דיין פרייד,
ווי ס׳היט א וואנדערער זיין לאָגעל אין׳ם מדבר־בראנד
ווי ס׳היט א טאטע — בלינד,
זיין איינציג קינד.

היט איין דיין פרייד !
און רוקט דער טרויער טונקעלדיג אין הארץ זיין קאפ ארויס,
ווי ס'טוט די הונגעריגע מויז —
זאל זיין פאר אים געגרייט — פארשפרייט
א נעץ — דיין טויזענדפעדימדיגע פרייד.
און דו —
מיט שטאלצע יעגערישע טריט
און מיט א יובעלדיג נצחון־ליד
געה — געה פאראויס און גרויס זיך מיט דיין רויב,
ביז וואנען ס'וועט דער שטויב
פון אונטער דיינע פיס ארויס —
פארשלינגען דיך. (עי, ארים־הונגעריגע מויז !)

דו וועסט דיין טרויער סיי־ווי ניט פארמיידען !

אינהאַלט:

בעטלער

	זייט
דאָס בעטלער־ליד	7
א פרימאָרגנען	8
דער אַלטער	9
אין געטאָ	11
אָרימע מענשען	12
דער הרוג	13
אין גאַס	14
א סלופּ	15
אין היפּאָדראָם	16
אין א קאַלטען, וויסטען טאָג	17
א לויה	18
די פרייד	19
אָפּגעהוליעט	20
מיר . . .	21
טויטע	22

טעג און נעכט

דער הונט	27
נו, רעדסטו זיך איין	28

זייט

אויף א קרומען וועג... 29
רעזיגנאציע 30
וועסט שוין גליקליכער ניט זיין 31
טרויער מיינער 32
נאכט 33
א יאר נאך א יאר 34
א־א־א... 35
מיין מאמע 36
צו א גייטארין 39
ביי־נאכט... 39
שניי 40
וועל איך די אויגען פארמאכען 41
רעכטס און לינקס 42

טעג און נעכט

פון קיינעם געבענשט... 43
ווינטער — 1919 43
צו געהט נאך ווייט מיין וועג... 46
איך וויים ניט... 47
מיט'ן שליאך זיך געלאזט... 48
דעם פויער'ס ליד 49
טויזענט ווייטע וועגען... 50
זומער־רעגען 51

אונזער גורל...

אוי וועלט... 57
איך און דו... 58

זייט

די בשורה — 59
אינגעלע ליבער — 60
עופה׳לעך — 61
ווענן און שטעגן — 62
העי, אייגענער־פרעמדער — 63
זאלבעדריט — 64

אויף אלע ווענן

שוין טויזענט מאל... — 69
ברוינע... — 70
אויף ווענן — 71
מיין פרייד — 72
דו... — 74
מיין הארץ — 75
צו... — 76
עפיגראם — 77
צו א לאבענדיגער — 78
איך האב דיך היינט דערזעהן — 80
פארוואס האסטו זיך אין מיין בלוט באהאלטען — 81
און אז איך האב די אויגען אויפגעמאכט — 82
איך און דו — 83
בלענדט דעם ליכט — 84
דער ווארם — 85
הערבסט — 87
צו א קאפריזנער — 88
טרויער — 90